בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת תולדות

שנת תשפ"ה לפ"ק


נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל



הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת תולדות

**די** וואכעדיגע סדרה הייבט זיך אָן, ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק, אלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם איז אמונה יצחק איז שמחה, אז א מענטש וויל זיין בשמחה דארף ער האבן אמונה, און ווי אזוי ווייסט מען אז מ'האט די ריכטיגע אמונה, אברהם הוליד את יצחק, אויב דורך די אמונה ווערט ער בשמחה איז א סימן אז ער האט די ריכטיגע אמונה.

**וואס** הייסט, אז א מענטש מאכט מיט א שווערעקייט מ'זאגט דאך האמנתי כי אדבר, דיבור איז א לשון קשה, ער פארשטייט נישט פארוואס ער האט די שווערעקייט אבער אז ער האט אמונה זאגט ער גם זו לטובה אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט, די ווערטער ג'ם ז'ו ל'טובה איז ראשי תיבות גזל, אז א מענטש וויל זיך ארויסגאנבענען פון א שווערע מצב זאגט ער גם זו לטובה.

**על** כל פנים, אמונה וואס ברענגט שמחה דאס איז די אמת'ע אמונה, אז א מענטש האט געהאט א שווערעקיט און ער האט געהאט אמונה, איז די אמונה דארף אים בארואיגן, אז ער האט זיך בארואיגט איז א סימן אז ער האט די ריכטיגע אמונה, אבער אויב עס בארואיגט אים נישט, מיינט עס אז ער האלט נישט ביי די ריכטיגע אמונה, דארף מען טאקע זיין א אמת'ע מאמין, און טאקע ווען משיח וועט קומען וועט זיין א בית המקדש של אש, שטייט אז בזכות האמונה נגאלין וועט מען ווערן אויסגעלייזט, משיח בן יוסף וועט קומען בזכות קדושה, און משיח בן דוד קומט בזכות האמונה, קומט אויס אז אש איז די אותיות אמונה שמחה, ווען משיח וועט קומען וועט זיין א בית המקדש של אש בזכות אמונה מיט שמחה. בית המקדש איז א הויז פון קדושה בית המקדש של אש, א בית המקדש א בית פון קדושה מיט אמונה און שמחה.

**על** כל פנים מ׳דארף זיך מחזק זיין, ביי אמונה שטייט האמנתי כי אדבר, מ׳קען זיך מחזק זיין מיט אמונה כי אדבר אז איך וועל רעדן, מ׳דארף האלטן אינאיין רעדן פון אמונה, ווייל אויב מ׳רעדט נישט פון אמונה, פארגעסט מען פון דעם מ׳דארף זיך גוט איינחזערן אמונה, און גוט איינבאקן אין זיך, שטייט ורעה אמונה, רעה איז א לשון אהבת רעים דורך אהבת רעים וועט זיין אמונה, אבער פשוטע פשט איז רעה אמונה מ׳דארף זיך לאזן פירן פונעם אויבערשעטן, ער זאל זיך נישט אלטן קאנטראלט נאר פונעם אויבערשטען און דער אויבערשטער וועט דיך פירן צום בעסטן, נישט טראכטן אזויפיל ארויף און אראפ, די וועלט זאגט א ווערטל וואס איז א חילוק צווישן א גאליצייאנער מיט א אונגארישע, די גאליצייאנער פאר ער זאגט גוט מארגן טראכט ער זאל איך יא זאגן אדער נישט, ער טראכט עס איבער אפשר דורך די גוט מארגן וועט ער אים עפעס שולדיג בלייבן, און נאכדעם וואס ער האט שוין יא געזאגט גוט מארגן טראכט ער צען מאל האב איך יא געדארפט זאגן גוט מארגן אדער נישט געדארפט זאגן גוט מארגן.

**אבער** על כל פנים א מענטש דארף נישט אייביג פילן אז ער קאנטראלט מיט כח און מח די גאנצע מצב ער דארף זיך לאזן פירן ביים אייבערשטען על מי מנוחות ינהלני, און זיך לאזן פירן ביים אייבערשטען, די ווארט מי פון מי מנוחות ינהלני איז גימטריא נ׳ דאס איז מרמז אויף די נ׳ שערי בינה, א מענטש וויל פארשטיין יעדע זאך וואס ער טוט, ער וויל זיין מיט יעדע זאך אויסגערעכנט, אבער דאס וואס ער וויל זיין אויסגערעכנט יעדע זאך דאס איז די העדר פון מנוחות, אז א מענטש איז א גרויסע טראכטער האט ער נישט קיין מנוחה, על מי מנוחות ינהלני וואס דארפסטו פארשטיין און פירן יעדע זאך מנוחות ינהלני לאז דיך פירן ביים אייבערשטען וועסטו האבן מנוחה.

**שטייט** אין די זעלבע פסוק פון מזמור לדוד, ינחני במעגלי צדק למען שמו, ינחני איז אזוי ווי ונתנו ס׳גייט אהין און צוריק, ינחני איז די אותיות י נ ח נ י, מ׳קען עס ליינען פוןביידע זייטן אזוי ווי ונתנו פון וועלכע זייט מ׳ליינט עס בלייבט עס ונתנו, און די זעלבע איז ינחנו פון ביידע זייטן וועט זיך עס ליינען ינחני, ביי ונתנו שטייט פון צדיקים אז דאס איז מרמז אויף צדקה אז וויפיל ער וועט געבן וועט עס צוריק קומען צו אים ער האט גארנישט דערלייגט, איז די זעלבע זאך איז ביי ינחני אז מ׳לאזט זיך פירן ביים אייבערשטען דערלייגט מען גארנישט.

**אוודאי** דארף מען האבן א געהריגן סדר היום אבער אן קיין דאגות מ׳דארף זיך פארלאזן אז דער איבערשטער וועט שוין אלעס פירן לטובה. א מענטש וואס פירט אלעס מיט א פינקטלעכקייט ווען עפעס גייט נישט גוט ווערט ער אינגאנצען פארפארן מ׳דארף זיך פאלראזן אויף די אייבערשטער.

**שטייט** דארט ווייטער אין פסוק ה׳ רועי לא אחסר די אויבערשטער איז מיין פאסטוך, אחסר איז א לשון פון ענוה, לא אחסר, ס׳קומט א צייט וואס א מענטש דארף מכיר זיין אז ער קען און זיך געבן א שטופ און נישט ניצן די ענוה אויף דעם אז ער קען נישט צוקומען צו די מדריגה וואס ער דארף צוקומען, ה׳ רועי לא אחסר, אז ה׳ איז מיין רועי קען איך צוקומען צו הויכע מדריגות און לא אחסר נישט זאגן מיט א ענוה אז איך קען נישט צוקומען אהין.

**משה** רבינו חוץ דעם וואס ער איז געווען משה רעיא מהימנא קדישא פאר כלל ישראל איז ער געווען א רועה פאר שעפעלעך, און פון דארט האט זיך אנגעהויבן די נבואה אז ער זאל גיין אויסלייזן כלל ישראל די מראה וואס ער האט געזעהן אז הסנה איננה אוכל איז געווען אינמיטן פאשענען די שאף, א פאסטוך ווען ער דארף פירן זיינע שעפעלעך פון איין פלאץ צום צווייטן, ער דארף זיכער מאכן אז זיי גייען אויף די ריכטיגע וועגן זיי פארפארן נישט, און זיי זאלן נישט ווערן פארציקט פון די חיות רעות, און זיי גייען אלע צוזאמען און אויב מ׳זעט אז איין שעפעלע הייבט אן ארויסצוגיין פון די וועג געבט ער אים א קליינע פאטש און ער לייגט אים ארויף אויף די ריכטיגע וועג.

**די זעלבע** זאך איז א מענטש אז מ׳גייט מיט׳ן אויבערשטען איז מען אייביג אויף די גוטע וועג ווייל אז מ׳פארפארט אביסל טוט שוין דער אויבערשטער דערמאנען אז מ׳איז פארפארן. צו לערנען א בלעטל גמרא דארף מען האבן הצלחה און צו ברענגען פרנסה דארף מען האבן הצלחה פאר יעדע זאך דארף מען האבן הצלחה.

**מ׳פירט** זיך ווען מ׳וואונטשט פאר איינעם הצלחה זאגט מען הצלחה רבה, וואס איז פשט פון רבה, נאר רב איז א לשון פון רב ושליט, פאר דעם וואונטשט מען הצלחה רבה די הצלחה זאל שטענדיג שולט זיין אויף דיר זאלס קיינמאל נישט ווערן סטאק.

**אז** מ׳רעדט שוין פון רעה אמונה וועט זאגן נאך אפאר ראשי תיבות: בטחון איז ראשי תיבות מח טוב אז מ׳האט בטחון לייגט מען אלעס אויפן אויבערשטען האט מען א

גוטע מח א אויסגערוהטע מוח, דאגה איז ראשי תיבות דער אויבערשטער גייט העלפן אז איינער האלט אין איין חזרן דער אויבערשטער וועט העלפן צום סוף זאגט ער דאגה דער אויבערשטער האט געהאלפן.

**ס׳קומט** באלד שבת, מ׳זאגט שבת לכה דודי לקראת כלה, לכה איז די אותיות הכל אבער פארקערט, יעדע זאך וואס קומט פונעם אויבערשטען און ס׳גייט אבער פארקערט ווי דאס וואס דו האסט געוואלט לקראת מיינט אקעגן דיר, כלה איז א לשון פון כליון ס׳וועט זיך ענדיגן, אז מ׳האט די ריכטיגע אמונה און מ׳וועט זיך מחזק זיין וועט מען זוכה זיין צו בית המקדש של אש.